# GOLDENE LIKHTLEKH-גאָלדענע ליכטלעך

| | |
|---|---|
| Bay dem grinem taykhl | בײַ דעם גרינעם טײַכל |
| Dort shteyt an alter boym | דאָרט שטייט אַן אַלטער בוים. |
| Gey ikh mir ahin dortn | גיי איך מיר אַהין דאָרטן |
| Spatsirn mit mayn troym | שפּאַצירן מיט מײַן טרוים. |
| Kumt a vint mir antkegn | קומט אַ ווינט מיר אַנטקעגן |
| Un fayft di gantse tsayt | און פֿײַפֿט די גאַנצע צײַט |
| Vi ken goldene likhtlekh | ווי קען גאָלדענע ליכטלעך |
| Gey veyst vos dos badayt | גיי ווייסט וואָס דאָס באַדײַט |
| | |
| Vayte goldene likhtlekh | ווײַטע גאָלדענע ליכטלעך |
| Ir shaynt tsu mir mit prakht | איר שײַנט צו מיר מיט פּראַכט |
| Vayte goldene likhtlekh | ווײַטע גאָלדענע ליכטלעך |
| Tsi veyst ir vos ikh trakht | צי ווייסט איר וואָס איך טראַכט |
| Ir hot mir tsugezogt mir libn | איר האָט מיר צוגעזאָגט מיר ליבן |
| Ir hot mir opgenart | איר האָט מיר אָפּגענאַרט |
| Vayte goldene likhtlekh | ווײַטע גאָלדענע ליכטלעך |
| Ikh hob umzist gevart | איך האָב אומזיסט געוואַרט |
| | |
| Lakht tsu mir a meydl | לאַכט צו מיר אַ מיידל |
| Mit blonde tseplekh tsvey | מיט בלאָנדע צעפּלעך צוויי |
| Ire bloye oygn | אירע בלויע אויגן |
| A kishef ligt in zey | אַ כּישוף ליגט אין זיי |
| | |
| Kumt zi mir nisht antkegn | קומט זי מיר נישט אַנטקעגן |
| Vert mir mayn lebn shvarts | ווערט מיר מײַן לעבן שוואַרץ |
| Ze ikh zi dort baym taykhl | זע איך זי דאָרט בײַם טײַכל |
| Klapt shtarker zi mir dos harts | קלאַפּט שטאַרקער זי מיר דאָס האַרץ |
| | |
| Vayte goldene likhtlekh | ווײַטע גאָלדענע ליכטלעך |
| Ir shaynt tsu mir vi prakht | איר שײַנט צו מיר ווי פּראַכט |
| Vayte goldene likhtlekh | ווײַטע גאָלדענע ליכטלעך |
| Tsi veyst ir vos ikh trakht | צי ווייסט איר וואָס איך טראַכט |

| | |
|---|---|
| Ir hot mir tsugezogt mir libn | איר האָט מיר צוגעזאָגט מיר ליבן |
| Ir hot mir opgenart | איר האָט מיר אָפּגענאַרט |
| Vayte goldene likhtlekh | ווײַטע גאָלדענע ליכטלעך |
| Ikh hob umzist gevart | איך האָב אומזיסט געוואַרט |
| | |
| Zitst ikh mir baym taykhl | זיצט איך מיר בײַם טײַכל |
| Un vart a gantse nakht | און וואַרט אַ גאַנצע נאַכט |
| Zi iz nisht gekumen | זי איז נישט געקומען |
| Zi hot mikh oysgelakht | זי האָט מיך אויסגעלאַכט |
| Efsher hob ikh dos meydl | אפֿשר האָב איך דאָס מיידל |
| Dort keyn mol nit gezen | דאָרט קיין מאָל ניט געזען |
| Efsher iz dos a kholem | אפֿשר איז דאָס אַ חלום |
| Baym taykhl dort geven | בײַם טײַכל דאָרט געווען |
| | |
| Vayte goldene likhtlekh | ווײַטע גאָלדענע ליכטלעך |
| Ir shaynt tsu mir mit prakht | איר שײַנט צו מיר מיט פּראַכט |
| Vayte goldene likhtlekh | ווײַטע גאָלדענע ליכטלעך |
| Tsi veyst ir vos ikh trakht | צי ווייסט איר וואָס איך טראַכט |
| | |
| Ir hot tsugezogt mir libn | איר האָט צוגעזאָגט מיר ליבן |
| Ir hot mir opgenart | איר האָט מיר אָפּגענאַרט |
| Vayte goldene likhtlekh | ווײַטע גאָלדענע ליכטלעך |
| Ikh hob umzist gevart. | איך האָב אומזיסט געוואַרט. |